## איציק מאַנגער

# אבֿרהם אָבֿינו באַקומט אַ בריוו

יצחק אָבֿינו שפּאַצירט אין פֿעלד
געלאַסן, ערנסט און פֿרום,
און זעט ווי ס'פּאָרט זיך אַ שמעטערלינג
מיט אַ בלאָער קאָרנבלום.

אַ רגע... צוויי... און נישטאָ אים מער,
ער איז שוין העט, העט, העט –
„צי וועט כאָטש געבן דער שאַרלאַטאַן
דער אָרעמער בלום אַ גט?“

אין יצחקס אויגן פֿינקלט אַ טרער:
ס'איז פֿול מיט זינד די וועלט!
און ער גייט מיט פֿאַמעלעכע טריט
צו זײַן טאַטנס געצעלט.

אַבֿרהם אָבֿינו שטייט אויף דער שוועל
אין שמועסט מיטן פּאָטשטיליאָן,
וואָס האָט געבראַכט אַ פֿאַרזיגלטן בריוו
פֿאַר אַבראַהאַם תרחזאָהן.

אליעזר שרײַבט, דער געטרײַער קנעכט,
אַז אַלצדינג איז אָלרײַט,
די כלה איז שיין און האָט נדן
און גאָר אין אַ קורצער צײַט

ווועט ער זי ברענגען פֿירן אַהער
מיט קעמלען, צירונג און געלט,
רבֿקה הייסט זי, איר קאָכן פֿיש
האָט אַ שם אויף דער וועלט.

אַבֿרהם אָבֿינו שמייכלט און גיט
דעם פּאָטשטיליאָן אַ באַקשיש –
זינט שׂרה, זאָל זיך מיִען, איז טויט,
האָט ער נישט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון פֿיש.

ער פֿאַרמאַכט די אויגן און ס׳איז אים גוט,
ער הערט ווי זייַן יצחקל ציט
דעם גמרא-ניגון – „געלויבט צו גאָט,
ער וואַקסט כאָטש אַ פֿרומער ייִד.“

„אמר אַביי“ – איַי ווי זיס.
אַ שטראַל פֿונעם זונפֿאַרגאַנג
שטיפֿט אַרום אין זייַן גראָער באָרד
און ציטערט אַ רגע לאַנג...

© 2005 Leonard Prager. All Rights Reserved.